יהואש.

# נאטור־שילדערונג אין דער אידישער ליטעראטור.

מאחמעד, וועלכער האט בעטיטעלט דאס אידישע פאלק מיט דעם נאמען „דאס פאלק פון בוך", האט צוגעטראפען פיעל טיעפער, ווי ער האט עס אליין געוואלט. די הונדערטער יאהרען פון גלות און פון פערפאלגונגען און פון געהעטא־לעבען האבען געמוזט, פריהער אדער שפעטער, איבערלאזען זייער רושם אויף דעם אריסטאקראטישען שקלאף, צו וועמענס שטערען עס זיינען ביסלעכווייז צוגעוואקסען די צוויי קרוינען, וועלכע ער האט געטראגען: די שטאלצע קרוין פון דעם „אתה בהרתנו" און די בלוטיגע דארן־קרוין פון דעם מארטירער. דערווייטערט און פערשטויסען אלץ מעהר פון דער פרייער, לופטיגער, ליכטיגער וועלט, האט ער זיין מקום מקלט געמוזט זוכען צווישען די ענגע ווענד פון דעם בית־המדרש, און שפעטער זיך איינגאנצען איינטוליען און צונויפקנוילען צווישען די טאוולען פון זיינע הייליגע ספרים.

לעבענדיג אין אייביגע אנגסטען צווישען א פיינדליכער בעפעלקערונג, ניט האבענדיג קיין רוהיגע מינוט, תמיד ערווארטענדיג נייע אונטערדריקונגען און גזרות אדער אויסשלאכטונגען, האט דער איד ביסלעכווייז איבערגעטראגען אלע זיינע אינטערעסען אויף יענער וועלט, דארט, וואו ער איז געווען דער מיוחס, דער קרוין און דער בחיר פון אלע אומות.

ביסלעכווייז האט זיך ביי איהם אויסגעארבייט א געוויסער בליק אויף די וועלט און אויף אלע וועלטליכע זאכען, וועלכער איז געווען מעהר הימליש ווי ערדיש, מעהר געטליך ווי מענשליך. ער האט געקוקט אויף דעם געטומעל און דער בעוועגונג פון ל ע ב ע ן מיט די אויגען פון ט ו י ט, און אויף אלע פריידען און ליידען מיט די בליקען פון א בר־מנן. ער האט בעטראכט דעם קערפער אלס א פלוך, און אלע קערפערליכע נייגונגען, אפילו די סאמע אונשולדיגסטע, אלס א זינד און א פערברעך, און אן אנשיקעניש פון שטן.

פריהלינגס זיינען געקומען און פערגאנגען, פויגלעך האבען פערטרילערט די לופט מיט געזאנג און האבען וויעדער אויפגעהערט צו טרילערען; זומער מיט זיין רייכער שעהנהייט איז געקומען און פערשוואונדען; אסיען האט די פרוכט־הבטחות פון דעם זומער ערפילט און פארגאנגען; ווינטער האט מיט זיין דימענט־בעזעצטען שנעע־מאנטעל וועלדער און פעלדער בעדעקט, און אויגען אנגעצונדען און באקען גערויטעלט — אבער אין דער געהעטא האט מען זיך אום זיי ניט געקימערט; דארטען האט מען דאס יאהר בארעכענט נאך די יום־טובים און ימים־נוראים. דער זילבערנער אבענד־שטערען האט בלויז געדיענט אנצוזאגען די צייט, ווען דער תענית איז געענדיגט, א שעהנע לבנה האט בלויז אינטערעסירט אין דעם ערשטען האלבען חודש, ווען מען האט זי געקענט מהדש זיין. די איינציגע גרינע ריטלעך, פון וועלכע מען האט געוואוסט, זיינען געווען די הושענות, און די איינציגע פרוכט, וועלכע האט מיט איהר שעהנהייט ענטציקט דאס אידישע הארץ, איז געווען פון א ווייטען, ווייטען לאנד, און טויזענדער מיילען פון איהר געבורטס־ארט — איך מיין, דעם אתרוג.

די שטעלונג פון קאלטער גלייכגילטיגקייט צו די גענוסען פון דער ערד איז געווען די נויטיגע פאלגע און די צווייטע זייט פון דער סטאאישער גלייכגילטיגקייט צו די ליידען און פייניגונגען פון דער וועלט, אין וועלכער דער איד האט זיך געמוזט פערמויערען און פערבאריקאדירען. דער זעלבער בטול, מיט וועלכען ער האט געדולדיג צוגענומען אלע ביטערניסען און יסורים, איז נאטירליך אויך געפאלען אויף אלע תענוגים און פריידען. דען, אויב די וועלט איז בלויז א חלום, א קאשמאר און א וויסטער איבערגאנג, ווארום זיך אבשטעלען בעוואונדערען א גרינעם גראז, א רויטען זונען־אונטערגאנג, א וואלד אדער א טייכעל — ווען מען קען אין דער זעלבער צייט עפעס אנגרייטען „צדה לדרך", א בלאט גמרא, א פרק משניות, אדער א קאפיטעל תהלים?

און אזוי איז דאס פאלק ביסלעכווייז איינגאנצען אריינגעקראכען אין זיין ביכער־וועלט, אזוי ווי איינער קריכט אריין אין אן ענגען, אבער

ווארעמען און ליכטיגען הייזעל, אום זיך צו בעשיצען פון א וויסטען שנעע־שטורם אין א פינסטערער ווינטער־נאכט. דען ווארעם און ליכטיג און מחיה'דיג איז דארט אין יענער ביכער־וועלט געווען. אפשר שוין צו ווארעם, צו שטיקענדיג ווארעם...

און אזוי האט דאס פאלק גענומען קוקען אויף וועלט און אויף נאטור דורך שפאקולען, באדעקט מיט דעם שטויב פון אלטע ספרים.

שפעטער, ווען די נייע ווינדען האבען אנגעהויבען וועהען, און דער צונויפגעדרעהטער, האלב־פאראליזירטער געהעטא־מענש האט גענומען זיך אויסגלייכען, אפטרייסלען דעם יאהר־הונדערט אלטען שטויב פון זיך, און בעשלאסען ארויסצוגעהן אין פרייען, און פאדערען מיט מעהר אדער ווייניגער שטאלץ זיין גערעכטען חלק אין אלץ, וואס דאס לעבען פערמאגט — דאן האט זיך ארויסגעוויזען, ווי שלעכט אויף דעם אידענ'ס חוש הראיה עס האט געווירקט דאס שטענדיגע אריינקוקען אין ספרים, דאס שטענדיגע גריבלען זיך אין רשי־כתב...

די דאזיגע טרויעריגע ערשיינונג שפוקט אונז אנטקעגען פון אלץ, וואס איז געשריעבען און געשאפען געווארען אין דער ערשטער השכלה־פעריאדע. שוין ניט ריידענדיג פון די פראזאשרייבער, די פראפאגאנדיסטען און די פובליציסטען, נאר אפילו די ערשטע דיכטער פון יענער צייט צייגען ארויס א גאנץ שוואכעס געפיהל פאר די נאטור. קיינער פון זיי האט ניט קיין אמת ווארעמען זינן פאר דער נאטור. זיי קוקען אויף איהר דורך די גראטעס פון תנ"ך, אין וועלכען זיי זיינען פאר'תפיסה'ט, דורך דעם פלעכט־ווערק פון ישעיה'ס מליצות און זאצען פון שיר־השירים. ווען איהר לייענט זייערע נאטור־ליעדער, קריעגט איהר דאס געפיהל, אזוי ווי די נאטור האט בלויז א ווערטה, ווייל זי דערמאהנט אן געוויסע אויסדרוקען פון דער ביבעל. —

ה' בן־אביגדור האט מיר אמאל אנגעוויעזען אויף א משכיל, וועלכער האט אנגעקוואלען פון שיר השירים בלויז צוליעב די פיעלע ש ו א נ ח'ס, וואס דארט זיינען פאראן. און אזוי האט דאס „ליעד פון אלע ליעדער" — די נאטור מיט איהרע טויזענדער ליכט־און שאטען־שטימונגען בלויז אויף אזוי פיעל אינטערעסירט און אנגעצויגען די משוררים פון יענער צייט, אויף וויפיעל זי האט זיך צוגעפאסט צו א פסוק אדער אן אויסדרוק פון די הייליגע נביאים.

גענויע בעשרייבונגען פון דער נאטור, וועלכע זאלען ווייזען, אז דער שרייבער האט זיך אליין צוגעקוקט, און געזעהען מיט זיינע „אייגענע אויגען", קען מען, נאטירליך, ביי אזא מין מעטהאדע, ניט ערווארטען. איידער נאך דער משכיל־דיכטער הויבט אייך אן שילדערן א שטורעם, קענט איהר שוין פאראויסטרעפען, וועלכען פסוק ער וועט געברויכען (ד. ה. אויב איהר זיינט א ביסעל באהאווענט אין תנ"ך), און אזוי מיט אנדערע נאטור־בילדער און לאנדשאפט־מאלעריען. זייערע שעפונגען זיינען מעהרסטענטיילס צונויפגעשטוקעוועטע זאצען און האלבע זאצען פון די כתבי קודש, אין וועלכע דער דיכטער קען ניט אריינגיסען יענע זאפט און יענעם לעבען, וואס זיי האבען אין אריגינאל, אין ארגאנישען צוזאמענהאנג מיט דעם רעשט פון דעם טעקסט. פון בליהענדע ו ו א ר ט — ב ל ו מ ע ן ווערען טויטע פראזען־קווייטען און פון לעבעדיגע שילדערונגען ווערען אינהאלטסלאזע מליצות.

די שעהנסטע געדיכטע פון יענער צייט זיינען מעהר ע ר א י נ ע ר ו נ ג ע ן, ווי איינדריקען, מעהר רהעטאריק, ווי דיכט־קונסט, מעהר פערגאנגענהייט, ווי געגענווארט — נאך איז דער פוס ניט געשטאנען פעסט אין דער געגענווארט. דער הימעל־פליהער האט זיך נאר וואס אראפגעלאזען פון דעם לופט־רוים, וואס איז געווען זיין היים פאר צעהנדליגע דורות, נאך האט ער זיך געהאלטען אן די שטריק פון זיין פליהמאשין, און רעדענדיג פון איצטער, טראכט ער נאך אלץ פון דעם עבר, אין וועלכען ער האט אזוי לאנג געלעבט, שילדערנדיג די ווירקליכקייט, האלט ער נאך אלץ אין זינען די ניט־ממשות'דיגע לופט־וועלטען, וואס זיינען ביז איצט געווען זיין מקום מנוחה.

אפילו מאפו, דער גרעסטער נאטור־דיכטער פון יענער צייט, וועלכער האט געהאט א ווארעם געפיהל פאר די שעהנהייטען פון נאטור, און אן אמת'ע ניט געמאטערטע התפעלות פאר אידילישע לאנדשאפטען, אפילו ע ר האט פארקליידט די דאזיגע ענטציקונגען זיינע אין שילדערונגען פון ציון און לבנון. שטאט בעשרייבען דעם גריינעם בארג פון אלעקסאט, פון וועלכען ער האט אייגענטליך אריינגעטרונקען זיינע נאטור־איינדרוקען, שטאט מאלען די וואסערען פון דעם ניעמאן און וויליע, וועלכע האבען איהם בעגייסטערט, שטאט פינזלען די פעלדער און די בלומען, וועלכע ער האט געזעהן מיט זיינע אויגען, פון

פריה ביז שפּעט, האָט ער איבערגעפּעקלט אַלע זיינע התפּעלות אויף א לאנג־פערשוואונדענער פעריאָדע, און אין א לאנד, וואס ער האט קיין מאָל ניט אנגעזעהן.

איך דערמאָהן זיך עפּעס, וואס רופט ארויס ביי מיר א שמייכעל און א טרעהר צו דער זעלבינער צייט. מיט אונגעפעהר 20 יאהר צוריק, האָב איך אנגעשריעבען א פּאָר נאַטור־ליעדלעך, וועלכע האָבען זיך געדרוקט אין פּרץ'ס „ביבליאָטהעק". א געוויסער העברעאישער שרייבער האָט געשריעבען א רעצענזיע איבער דעם יאָהרבוך אין דער „הצפירה" און ער האָט מיינע פערזען אויך דערמאָהנט. איך געדענקט ניט מעהר גענוי זיינע ווערטער, אבער ער האט זיך אויסגעדריקט אונגעפעהר אזוי: „מען זעהט ווי דער דיכטער האָט ליעב ציון..." עס האָט זיך איהם בשום אופן ניט געלענט אויפ'ן שכל, אז מיין התפּעלות זאָל זיין פּשוט די התפּעלות פון א שעהנער ליטווישער לאנדשאַפט...

דער גרעסטער העברעאישער דיכטער ביז ביאַליק'ן, יהודה־ליב גאָרדאָן, האָט אין זיינע פּיער בענדער פון געדיכטע זעהר וועניגע שטעלען, וועלכע זאָלען אָפּשפּיגלען אייגענע בעאָבאַכטונג — און ליעבע־פולע פערשטענדניס פון דער נאַטור.

איך שרייב דאָ ניט קיין איבערזיכט איבער די העברעאישע פּאעטען און מען וועט מיר דערזייבער פערגעבען, וואס איך פּטר דעם ענין אָפּ מיט א פּאָאָר אלגעמיינע שטריכען, און וואס איך נעהם זיך ניט די מיה צו רעדען וועגען די וועניגע אויסנאַהמען, וועלכע האָבען ארויסגעוויעזען אמת'ע נאַטור־ליעבע.

מיט ביאַליק'ן הויבט זיך אייגענטליך אָן די רייהע פון דיכטער, וועלכע האָבען שוין פון זיך אינגאנצען ארונטערגעוואָרפען דעם יאָך פון דער מליצה, און זיך בעפרייעט פון די ביבלישע פראַזען־קייטען. אין ביאַליק'ן זעהט איהר דעם גרויסען דיכטער, וועלכער זעהט גאָט'ס וועלט מיט זיינע אייגענע אדלער־אויגען, און מינצט פון זיין גאלד־אוצר מטבעות, וועלכע טראָגען אלע זיין אייגענעם שטעמפּעל.

איך האָב ניט ביאַליק'ס געדיכטע צו דער האנד און מוז זיך פערלאָזען אויפ'ן זכרון. אָבער איין אויסדרוק קומט מיר גראָד אויף דער שפּיץ פעדער, און ער אליין איז גענוג צו קרוינען ביאַליק'ן אלס דיכטער פון ערשטען ראנג. שילדערנדיג א פראָסטיגען פריה־מאָרגען, זאגט ער אונטער אנדערען, אז אויף דעם הארט־איינגעפראָרענעם וועג האָט זיך געהערט פון אונטער די טריט:

כקול צהצוה חרבות...

(ווי דאָס שלייפען פון שווערדען).

אזא גאונ'ישע איבערגעבונג פון א נאַטור־איינדרוק געפינט בלויז איהר גלייכען אין דאַנטע. דער איטאַליענישער דיכטער בעשרייבט איינעם פון די קרייזען פון גיהנום, וואו די רשעים שטעהען אין א טייך און ווערען ביסלעכווייז פערזונקען. זיי אלע שילטען מיט ביטערע קללות. איינער פון זיי איז שוין אינגאנצען פארטרונקען און דאס וואסער אויבען „ב ל ע ז ע ל ט ז י ך נ אָ ך פון זיין שילטען אונטער'ן וואַסער"...

די אידישע, אדער ווי מען האט זיי אמאָל גערופען „זשארגאנישע" שרייבער, וועלכע האבען זיך באוויזען אויף דעם אידישען האריזאנט ערשט שפּעטער, און וועלכע זיינען איבערהויפּט געוועזען וועניגער אונטער דער שקלאפעריי פון דער מליצה אין דער ביבלישער פראזעאלאגיע, ווייל זיי האבען געשריבען ניט אין דער שפּראך פון די פראפעטען — שטעהען שוין פיעל נעהענטער צו דער ווירקליכקייט און לעבען, און ממילא אויך צו דער נאטור, און דריקען זיך אוים אין א מעהר נאטירליכער און ניט געקינסטעלטער פארמע. שוין דער פאקט אליין, וואס זיי האבען געשריבען אין א לעבעדיגען לשון האט אריינגעבראכט א פרישערען לעבעדיגערען הויך אין זייערע שעפּפונגען. און דאָך שלעפּט זיך נאך אלץ נאָך דער פאדעם פון דער געקינסטעלטער מליצה אין זייערע נאטור־בעשרייבונגען. די אידישע שפּראך איז געוועזען דער אויסדרוק פון דעם אידישען פאלק, און אזוי ווי דאס פאלק האט קיינמאָל זיך ניט אבגעגעבען מיט אזעלכע נארישקייטען ווי בעוואונדערונג פון דער נאטור — איבריגענס האט מען די דאזיגע בעשעפענים נאטור קוים אין די אויגען אנגעזעהן — איז ממלא די שפּראך געבליעבען אונענטוויקעלט אין דער ריכטונג. עס איז ניטא קיין לשון אויף דער וועלט, וואס איז אזוי ארעם אין נעמען פאר בוימען און בלומען און פויגלען, ווי די אידישע — עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ביי אזא מין שפּראך־ארימקייט האָבען די ערשטע דיכטער און נאטורשילדערער געמוזט פארווענדען זייער גאנצע שאַפונס־ענערגיע אויף געפינען טערמינען און אויסדרוקען. דער רעזולטאט איז געווען, אז פיעלע פון זייערע שילדערונגען זיינען ענטוועדער געשריבען

אין אלגעמיינע „קאזיאָנע“ אויסדרוקען, וועלכע זאגען אסך און זאגען גארנישט, אדער די נאטור ווערט פערזאניפיצירט און גאר פאראידישט. „די בוימען זיפצען א תפלה“, „די גראזען דאוונען“, „דער וואלד שלאגט הושענות“,„ דער ים איז זיך מתודה“ און אזוי ווייטער. דען עס איז פיעל לייכטער די נאטור צו פארמענשליכען, ווי זי נאטירליך פארצושטעלען, און אסך גרינגער צו דרש'ען ווי צו מאלען

אין דעם זעהט זיך בולט דער איינפלוס פון דער אמאָליגער מליצה, פון דער בוך־אנזיכט, פון דעם טיעפזיניגען פשטל'דיגען מוח, וועלכער לערנט די נאטור ווי מען לערנט א רמב"ם, און קנייטש איבער איהר דעם שטערען ווי מען קנייטשט דעם שטערען איבער א הארבער סוגיא פון דער גמרא אדער א מהרש"א, און לעגט אין איהר אריין אלערליי שארפזיניגע פלענער, אבער וועלכע דארף בעטראכט ווערען, ווי היינע דריקט זיך אויס.

...... צוועקלאז
„ווי דאס לעבען, ווי די ליעבע,
„ווי די וועלט די גאט געשאפען....

די נאטור איז שעהן, וואונדער שעהן ווי זי איז, ווי זי וויקעלט זיך פאנאנדער פאר אונז אין איהר אפענער נאקעטער זיכטבארער פראכט, און דעם קינסטלער'ס און דעם דיכטער'ס אויפגאבע דארף בלויז זיין, די דאזיגע נאטור איבערגעבען אין פאסיגע גענוי־באצייכענענדע ווערטער. דער איינדרוק וועט שוין קומען ממלא. דען דאס, וואס דער דיכטער האט אין דער ווירקליכקייט, האט דער לעזער אין דער מעגליכקייט. די געפיהל־קלאוזישען פון דעם לעצטען ענטשפרעכען גענוי די געפיהל־קלאווישען פון דעם ערשטען. און יעדעס בילד, וואס האט אין דעם דיכטער ארויסגערופען א געוויסעס באשטימטעס געפיהל, מוז, ווען גענוי איבערגעבען פון דעם דיכטער, ארויסרופען דעם זעלבען געפיהל אין דעם לעזער. דער נאטור דיכטער דארף ניט אויסטייטשען, נאָר מאלען. די אויסטייטשונג, אויב עס קען איבערהויפט א גענויע קלאסע אויסטייטשונג געמאכט ווערען פון א נאטור־איינדרוק, מוז געמאכט ווערען פון יעדען פאר זיך.

פאר די אידישע וועלט־אנשויאונג, וועלכע האט אלצדינג פארגעטליכט און פארגייסטערט, וועלכע האט אלע ערשיינונגען פון דער וועלט בעטראכט אלס נישטיג און ווערטהלאז, אן און פיר זיך, נאָר וויכטיג צוליעב דעם צוועק, וועלכען זיי דיענען, וועלכע האט דורך די מחיצה פון קערפער און מאטעריע געזוכט דורכצוזעהן דעם גייסט, פון איין זייט — און פון דער אנדערער זייט פאר דעם פראקטישען גלות מוח, וועלכער האט געזוכט די רעכטפערטיגונג פון א זאך, אויב ניט אין איהר עטהישען ווערטה, לכל הפחות אין די מאטעריעלע נוצען, וואס זי בריינגט — איז נאטירליך, ניט גאנץ לייכט געווען, מיט איין שפרונג אריבערצוגעהן צו דער נייער תורה, די תורה פון דעם פרישען דופטיגען פריידפולען לעבען, וואס געניסט שעהנהייט ניט פרעגענדיג קייט צוועק, ניט זוכענדיג קיין הייליגע רמזים, און ניט אריינטייטשענדיג קיין כונות.

שלום־עליכם'ס ווערק. די דאזיגע טיפען שטעלען אונז פאר אין ביאלאגיש־סאציאלאגישער הינזיכט אונגעלונגענע בעשעפענישען פון דער איבערגאנגס־צייט, וואס זיינען פון דער נאטור בעשטימט צום אונטערגאנג. אין זיי שפיעגעלט זיך אב די אונגעהויערע ניט־נאטירליכקייט פון דעם אידישען לעבען.

צום גליק איז עס אבער ניט אזוי. אין דער ברייטער אידישער בעפעלקערונגס־מאסע זיינען פערבארגען געזונדטע חושים, געזונדטע געפיהלען, א גרויסע קראפט און א פעסטער ווילען צום לעבען. און מיר טרעפען אין איהר א גרויסע צאהל געזונדטע סאציאל־עקאנאמישע טיפען, וואס פעראייניגען אין זיך די בעסטע אייגענשאפטען, וואס דאס אידיש פאלק האט ערווארבען אין א לאנג־יעהריגען געזעלשאפטליכען קאמפף פאר זיין מאטעריעלען און גייסטיגען קיום. שלום־עליכם האט פאר אונז א בעזונדער אינטערעס און א בעזונדער ווערטה נאך דערמיט, וואס ער דעקט פאר אונז אויף אפילו אין די ניעדריגסטע שיכטען פון דער אידישער בעפעלקערונג, אין דער נים־דעפערענצירטער האלב־בירגערליכער האלב־פראלעטארישער מאסע וואונדער־שעהנע סאציאלע טיפען, וואס האבען ניט פערלארען זייערע נאטירליכע געפיהלען, זייער פעהיגקייט צום געזעלשאפטליכען קאמפף, צו א בעסערער און העכערער צוקונפט.

די דאזיגע טיפען וועלען מיר בעטראכטען אין דער וויטערדיגער אנאליזע פון שלום־עליכם'ס ווערק.

יהואש.

# נאטור־שילדערונג אין דער אידישער ליטעראטור.

## II.

„דיכטען" — האט איבסען געזאגט — „הייסט זעהן", איידער מיר געבען א זאך געשטאלט אין ווארט אדער פארב אדער קלאנג, מוזען מיר די זאך צוערשט אליין זעהן דייטליך און קלאהר, מיט אונזער גייסטיגער זעהעקראפט. עס איז שוין ממילא דערפון געדרונגען, אז ווי טריי דער קינסטלער זאל ניט זיין צו די ערשיינונגען אדער בילדער, וועלכע ער זעהט, וויפיעל ער זאל זיך ניט בעמיהען זיי גענוי נאכצומאכען, וועלען זיי דאך טראגען אויף זיך מעהר אדער וועניגער די פיזיאנאמיע פון זיין אייגענער פערזענליכקייט און פון זיין בעזונדערער וועלט־אנשויאונג. די וויסענשאפט פון אפטיק לערנט אונז, אז וואס מיר זעהען זיינען ניט געגענשטאנדען אליין, נאר זייער אפשפיגלונג אין אונזער אויג. און דער קינסטלער און דיכטער, וואס בעשרייבט און מאלט און שילדערט און באזינגט דאס, וואס ער האט געזעהן, באשרייבט און מאלט און שילדערט און באזינגט אייגענטליך נאר דאס, וואס האט זיך אבגעשפיגעלט אויף דעם הויטעל פון זיין אויג און אין דעם פאטאגראפירענדען־אפאראט פון זיין אייגענעם מח. דער דאזיגער אפאראט איז ביי פערשיעדענע קינסטלער פארשיעדען אנגעשטעלט, און דאס גייסטיגע אויג פון דעם דיכטער און ארטיסט איז פארשיעדען אויסגעבילדעט לויט די פערשיעדענע איינדרוקען, וועלכע ער האט אריינגעזאפט אין זיך פון זיין אומגעבונג, פון הונדערטערליי צופעליגע פאסירונגען און אויך פון דער ירושה, וועלכע ער האט אריינגעזויגען מיט דער מוטער'ס מילך.

און אזוי קומט אויס, אז וואס דאס טהעמא פון דעם קינסטלער זאל ניט זיין, וועט עס אימער זיין א טהייל און אן אפשיין פון איהם אליין. אלע זיינע שעפפונגען און געשטאלטען שפינט ער ארויס פון זיך אזוי ווי די שפין שטריקט ארויס איהר קונציג געוועב פון איהר אייגענעם לייב. ריכארד דער דריטער, האמלעט און אטהעלא און ראמעא און פאלסטאף זיינען אלע טהיילען פון שעקספיר, ווינקלען און קאנטען פון איין און דעמזעלבען דימענט. דען דער

גרויסער קינסטלער טראגט ארום גאנצע בעפעלקערונגען פון געשטאלטען און בילדער אין זיין מוטערלייב, ער טראגט ארום די גאנצע וועלט בזעיר אנפין, איז א לעבעדיגע סימפאניע פון אלערליי קלאנגען און נגונים.

נאטירליך, אום פאר אונז אײנע פון יענע ששים רבוא זייטען פון זיין „איך" צו מאכען זיכטבאר און דייטליך, מוז ער דאס בילד פערגרעסערען און איבערטרייבען, צופארבען און צופוצען, אויסציהען און פאנאנדערוויקלען. דער אטהעלא אין שעקספיר איז אפשר א גאנץ אונבעדייטענדער, א בלאסער, א קוים בעמערקבארער און ווערט בעהערשט פון דעם האמלעט אדער דעם ראמעא, אדער, ווען שעקספיר וויל זיין אטהעלא פארשטעלען, וועט ער אויף א א ווײלע קאנצענטרירען זיין גאנצע שאפונגסקראפט אויף דעם דאזיגען אטהעלא און ארויס וועט די קווינטעסענץ פון וויטענדער אייפערזוכט.

אבער יעדער קינסטלער האט איין געוויסען הויפט־מאטיוו, וועלכער בעהערשט דאס גאנצע פארשידענארטיגע געפליאנטער פון בילדער און געשטאלטען, פון געפיהלען און געדאנקען, וועלכע פילען איהם אן. און ווען ער קריגט א געלעגענהייט דעם דאזיגען הויפט־מאטיוו צו פערקליידען אין א קונסט־בגד, האבען מיר א מייסטערווערק פון העכסטען ראנג. דא ווייזט ער זיך ארויס אין זיין גאנצער נאטירליכער מאכט, און מיר ווערען מיטגעריסען מיט איהם, אזוי ווי מיר ווערען היגנעריסען פון יעדער עלעמענטארער מאכט־ענטפלעקונג.

אזעלכע מיני געדאנקען מוזען ניט ווילענדיג ארויפקומען אויפ'ן זינען, ווען־מען לעזט אבראמאוויטש'ס שריפטען און ווען מען קומט צו זיין ליעבלינג־שעפפונג און צו זיין מייסטערשעפפונג — מענדעלי מוכר ספרים.

דען מענדעלי איז ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי דער לייט־מאטיוו פון אבראמאוויטש'ס אייגענע וועלט־אנשויאונגען, און איז יענעם בילד פון זיין בילדער־רייכען מח, וואו עס טרעפען זיך צוזאמען ווי אין א ברענפונקט אלע שטראהלען און נצוצות פון זיין נשמה, אלס מענש אלס איד און אלס קינסטלער.

מענדעלע איז א איד אן ארעמאן, אן עני מדוכה, אויפגעצויגען אין צרות און אין דחקות און אין עלענד, אבער א איד א פקח, מיט אויגען, וועלכע זעהען זיך צו צו גאט'ס שעהנער וועלט און האפען שטארק הנאה פון איהר, דאס איז א איד, וואס לעבט ניט אין דעם ענגען געסעל פון א שמוציגער קליינער „ד'־על־ד'"־שטעדטיל, און ווייסט ניט ווי א בוים זעהט אוים. ער איז מעהר אויפ'ן וועג ווי ביי זיך אין שטעדטיל, מעהר אליין ווי מיט מענשען, ה. ה. די צרה'דיגע מענשען, וועלכע געהען ארום האלב געשטארבענע אין דער גהעטא — און קוקט און קוויקט זיך מיט די גרינע פעלדער און מיט די בוימער און מיט דעם בלויען הימעל און מיט די פיפצעדיגע פויגלעך, אויף זיינע אפטע נסיעות פון גלופּסק קיין קאבצאנסק און פון קיין קאבצאנסק קיין גלופסק...

נאר לאמיר הערען וואס מענדעלי דערצעהלט וועגען זיך אליין און מיר וועלען שוין אין זיין ערשטען ארויספאהר קריגען דעם שליסעל צו זיין נשמה.

„אונטער וועגענס איינמאל, שבעה עשר בתמוז, גאנץ פריה, זיץ איך מיר אויף דער קעלניע פון מיין ביידיל אין טלית און תפילין, מיט דער בייטש אין דער האנד, גאנץ יודעשליך. די אויגען זיינען מיר צוגעמאכט, בכדי נישט אנצוקוקען ביים דאווענען די לעבטיגע וועלט. מעשה שטן אבער, איז זי, די נאטור, ווי הייסט מען עס, געווען וואונדער שיין, נאר א בילד, און עס האט מיך געצויגען, עפעס ווי א כשוף, א קוק צוטהאן. איך האב א היבשע צייט מיך געראנגעלט מיט מיר אליין. דער יצר טוב זאגט: „פע!... מען טאהר נישט!..." דער יצר הרע אקעגען טארעט: „נישקשה! האב הנאה, נארעלע!" און עפענט מיר דערביי טאקי אויף איין אויג. עס טהוט מיר א שיין, נאר ווי אויף צו להכעיס, עפעס א בילד־שעהנע פאנאראמע: פעלדער געשפרייגקעלט מיט בליהענדע רעטשקי וויים ווי שנעע לעבען געלב־גילדענע ראצעמארענע פאסען פון ווייץ און מאט־גרינליכע הויךגעוואקסענע קוקורוזעס; א שעהנער גרינער טהאל, בעדעקט פון ביידע זייטען מיט וועלדליך ניס־בוימער, אונטען פלייצט א טייכעל, ריין קלאהר ווי קריסטאל, אין וועלכען עס טוקען זיך די שטראהלען פון דער זון און בעליגען עס מיט פונקעלדיגע גילדענע פליטערליך. די שאף און די קיה אויף דער פאשע דארט זעהן פון דערווייטענס אוים ווי טונקעלע, רויטע, נעפלעקטע פינטעליך. — פע, פע! מוסר'ט מיך דער יצר־טוב מיט יענע ווערטער פונ'ם פרק: א יוד אונטער וועגענס אז ער איז מפסיק דאס לערנען און זאגט: ווי שיין דער בוים איז, ווי שיין דאס פעלד, איז גלייך ווי ער טהוט זיך א מעשה אן". — דער יצר־הרע אבער פארטראגט מיר אונטער דער נאז מחיה'דיי־

נע ריחות פון סטערטעם היי, געווירץ און קרייטעכצער, וואס צוגעהן זיך אין אלע אברים. ער צוגיסט זיך אין קונציגע ניגונים פון אלערליי שפיעל פייגעליך, וואס קיצלען ביי דער נשמה. ער לאזט מיך פיהלען אויף מיין פנים א ווארם ווינטעלע, וואס גרייזעלט מיר די פאות, שושקעט מיר אין די אויערן, קוק, האב הנאה און זיי א מענש, דו נארישער יוד איינער!"

מענדעלי'ס אויג זויגט איין ווי א שוואם די שעהנהייטען פון גאט'ס ברייטער וועלט. מיט נאאיווער אמת'ער ליעבשאפט רוהט זיין בליק אויף זיין זוניגער לאנדשאפט פון א ווארעמען לויטערען זומערטאג. ער האט א שאר־פען בעאבאכטענדען חוש הראיה פאר וועלכען קיין בוים און קיין גרעזעל, קיין פויגעל און קיין מוראזשקע בלייבט ניט באהאלטען. דער לייכטעסטע זום פון א קאלירטען זשוק, דער גרינגסטער שושק פון א יונגען קוסט ווערט אויפגעכאפט פון זיין פיינעם געהער. אבער די אלע זאכען, וואס ער זעהט און יואס ער הערט, ווערען שנעל מגולגל אין זיין אידישען ערנסטען מח, אין פערזאנען און געשטאלטען, אין כונות און אין באשטימטע בעגריפען. דער יורש פון הונדערט דורות תלמודיסטען, וואס האבען נאכ־אנאנד געשארפט און געדרילט זייער שכל אויף דעם חשבון פון געפיהל, און זייער לאגיק אויף די קאסטען פון זייער פאנטאזיע — *קען לאנג ניט פערטראגען די נעבעל־האפטיגקייט און די אונבא־שטימטקייט און די טרוימערי־שע אונגעוויסהייט*, וועלכע א שעה־נע לאנדשאפט וועקט אין אונז אויף, און ער צו־טיילט די דאזיגע לאנדשאפט אויף חלקים און יעדען חלק גיט א באשטימטען נאמען און א קלארע אויסטייטשונג. אט איז א צווייטע שטע־לע פון „פישקע", וועלכע איז אן אמת מייסטער־ווערק פון בעשרייבונג, אין וועלכען מיר קענען זעהן, ווי יעדע בעשעפענים און יעדער געוויקס עראינערען מענדעלי'ן אן א בילד, אן א פערזאן, אן א מעשה, אן א פאסירונג. אין אנדערע ווער־טער, איהר זעהט ווי די איינדריקען פון דער נא־טור ווערען צו.דערזעלביגער צייט, וואס זיי ווע־רען געשילדערט, אויסגעטייטשט, מיט א מין פירוש.

„דערווייל איז געווארען מנחה צייט. א געשמאק
„ווינטעלע הויבט אן צובלאזען און אויפ'ן הימעל ווייַ־
„זען זיך שטיקליך וואלקען, אויף וועלכען מען האט,
„ווי אויף טהייערע געסט, שוין א לאנגע צייט ארויס־
„געקוקט. די בוימער הויבען פאמעלאך אן זיך צו שאק־
„לען, איינער צום אנדערען איינגעבויגען דעם קאפ,
„און פיהרען זיך א שמועס אויף זייער לשון, נאכדעם
„אז זיי האבען אזוי לאנג געשוויגען שטיל. דאס ווינ־
„טעלע האט אויפגעוועקט דאס שלאפעדיגע תבואה, אלע
„זאנגען כאפען זיך ווי יונגע קינדער אויף מיט א קול
„און צוקישען זך נאר פריינדליך. גאס'ס בעשעפעניש
„ריהרט זיך אומעדום: אויפ'ן פעלד, אין וואלד און
„אין דער לופט. איינס נאך דאס אנדערע טרעטען
„שפיעלפייגעליך ארויס אויף צווייגלעך, ביימליך,
„נידעריג און גאנץ הויך פוטצען זיך די פעדערליך.
„א וויש מיט דעם שנעבעלע. א טרעסע, א שאקעל און
„הויבען אן די זיסע זמירות, צוזינגען צושווישמשען.
„באבעטשקעס רייך געקליידעט אין אטלעס, סאמעט,
„מארע אנטיק מיט טהייערע ציהרונג האפען א טענציל,
„שוועבענדיג אין דער לופט, הייבען זיך, דרעהען זיך
„און מאכען מיט די עקען. צוויי בושלעס, גווארדייצעס,
„מיט לאנגע רויטע פיס שטעהען אויפ'ן גראז, פארריי־
„סענדיג די קעפ אין דער הויך און קוקען מיט נדלות.
„עפיס א קונדעס, א פויגעל, שטיפט, פליהט פון איין
„בוים צום אנדערען, מאכט „קוקו, קוקו"! ווי ער
„שפילט זיך אין באהעלטעניש. איהם ענטפערט אפ פון
„צווישען ווייץ און קארן איין אנדער מין פויגעל עפיס.
„פיק־בער־וויק, פיק־בער־וויק"! ווי גערעדט: אייביג
„ווערסט דו דא מיך נישט האפען, האטש שיט מיר אן
„זאלץ אויפ'ן עק, פאקט זיך ר' קרוב ווייטער און
„אוועק, אוועק... נישט ווייט אין א וועלדעלע קנאקט
„דער סאלאוויי, צולאזט זיך אויף זיין העלזעלע, מאכט
„זיסע שטייגער און שפילט נאר מהיה. איטליכער וואס
„קען נאר עפנען א מויל האלט דעם וועלטבעריהמטען
„הזן אונטער. זשאבעס אפילו פון די טייכליך ערגיץ
„טערעלייקען, אפילו פליגען, בינען האבען נישט גע־
„שוויגען און דער זשוק, דער שייגעץ, דער אנהאפער,
„האט פליהענדיג אויך געזוזשעט. דאס איז געווען אזא
„קאנצערט, וועלכען מען האט געמעגט אויף בילעטען
„געהן הערען... די גאנצע וועלט איז עפעס ווי לעבעדיג
„געווארען און בעקומען א פרעהליך פנים. א פרייד,
„א פערגעניגען צוהערען, צוזעהען, צושמעקען די זיסע
„ריחות פון אלע זייטען".

איך וואג עס קוים צו זאגען, אבער מיר דאכט זיך אפט, אז פיעל וועניגער ווי אין אלע אנדערע ליטעראטורען איז אין אונזער ליטערא־טור אריין דער גייסט פון דער ביבעל, די אמת'ע פאעזיע פון די פראפעטען. מיר האבען טייער געהאלטען דעם שאלעביץ, די מליצות און די אויסדריקען, אבער דעם קערן, די נשמה פון די פראפעטען האבען מיר געלאזען אבשטארבען. די

העברעאישע פאעזיע פון אדם הכהן און פון יהודה ליב גאָרדאָן אין ביבליש מעהר לויט דער פאָרמע און לויט דעם שפראך, ווי לויט דעם גייסט. די מעכטיגע שטימען פון די נביאים, דעם „קול חוצב להבות", די שטים, וועלכע האקט פלאמען ארויס, זי וועט איהם זוכען אומזיסט, אָדער זי גאַנץ זעלטען געפינען. דער, וואָס האָט ווידער אויפגעכאפט דעם אבגעריסענעם פאדים און ציהט זיין יניקה פון די נביאיש דירעקט, צווישען די העברעאישע דיכטער איז ביאליק. ביאליק עראינערט אין די פראפעטען ניט ווייל ער שרייבט זייער סטיל. אין גענענטהייל, זיין שפראך איז ווייט פון א ריין ביבלישער, ער דער־מאָנט אן די פראפעטען מיט זיין מעכטיגען שוואונג, מיט זיין עלעמענטאַרישע קראפט, מיט זיין גלות און מיט זיין ערהאבענהייט.

אין דער נייער אידישער ליטע־ראטור וועהט אייך זעהר אפט אנטקעגען דער הויך און דער גייסט פון די נביאים, די נייע אויפלעבונג פון דעם נאציאָנאלען געפיהל האט געשפאנט א בריק איבער די צעהנדליגע יאהר־הונדערטען, וועלכע ליגען צווישען דעם איצט און דעם עבר און האט איבערגענומען די טראדיציאָן און די מסורה פון אונזער רייכסטער שעפפונגס־צייט — די צייט פון די פראפעטען.

אבראמאָוויטש ציינט אפט ארויס, ווי דורכגעדרונגען ער איז מיט דעם גייסט פון דער ביבעל. און ווען ער פארגעסט אויף א ווייל̈ע די גהעטא און דעם אידישען גלות און די קליינליכע זארגען און ליידען פון זיינע קאבצאנסקער און גלופּסקער ברידער, שפירט איהר ווי איהם זיינען שטאַרקע פליגלען אנגעוואקסען און ווי פון זיין קעהל הילכט דער מעכטיגער קול פון די אלטע זעהער און פסאלמען־זינגער:

„עס האט געטהאן א בליטץ, גלייך ווי דער הימעל האט זיך געשפאלטען און אפגעטוקט די וועלט מיט פייער. באלד דארויף האט א הילך געגעבען א דונער און זיך אפגערופען ארום און ארום מיט שרעקליכע קולות ווי פון טויזענדער הארמאטען. עס האט זיך אויפגעהויבען א שטורמווינט, ער האט משונה געפייפט, געוויינט, געהיילט ווי הונגעריגע וועלף, גלייך ווי עס האבען דעם טאג זיך אויפגעהאנגען הונדערט מכשפים. דער אנשלאפענער וואלד האט זיך אויפגעכאפט שטארק דערשראקען. עס האט זיך אויפגעכאפט איטליכעס גרע־זעלע, איטליכס צווייגעלע, איטליכס בלעטעלע, אלע האבען גע'רעש'ט, געפילדערט, געפלוידערט אויף אלערליי קולות און פארמישטע לשונות. סאראקעס, ווארענעס און סאָוועס מיט זייער גאנץ פעקיל האבען אויך צונעקרעכצט, צוגעשפילט, א וויינעדיגס. יעדער בעזונדער האט געקרעכצט, געזיפצט, געשריגען, איינער דעם אנדערען מבלבל געווען, ביז א שלאקס־רעגען האט מיט אמאל איטליכען פארשטאפט די מיילער"...

„אט איז ער, גאט! אט זעה איך איהם באלד פאהרען דארט, דארט צווישען די צעריסענע כמארעס! — א שטיק שווארץ געדיכטער וואלקען, העל ליכטיג ביי די קאנטען, טראגט זיך דארט אויבען אין דער געשטאלט פון א מורא'דיג גרויס פערד, מיט א קלאהר ווייסער גריווע אויף דעם טונקעל געפלעקטען האלז. פון די נאזלעכער, פונ'ם מויל פליהען איהם ביסליכווייס פייערדיגע בליטצען, מיט א ציק הין און הער... דאס איז ער — דער כרוב, אויף וועלכען עס זיצט רייטענ־דיג א שרעקליך גרויסער העלד, א גבור, אין א פורפור־קלייד, מיט לאנגע גרייז־גרויע לאקען און מיט א לאנ־גער געגרייזעלטער בארד, ריין ווייס ווי זילבער. נאך איהם ציהט זיך א גאנצע מחנה ריזען, עוג מלך הבשן'ס, גוג מגוג'ן, מיט אלערליי חיות, וועלכע איהר ווילט. אלע מיט ערנסטע פנימ'ער, אלע עפּיס פערטראכט, אלע איילען, יאגען זיך פלינק, דער גוטער יאהר ווייסט וואוהין — און לאזען נאך זיך איבער אויפ'ן הימעל א בלויען, לויטערען שטעג. די לבנה שטעקט פון צווי־שען די וואלקען ארויס א שטיק קעפיל און קוקט זיי נאך פון דערווייטענס מיט אפשיי, ווי איין עלטסטער בשעת עס פאהרט דורך אין זיין אָרט א גרעסערער פריץ פון איהם... די בוימער בויגען אז די קעפּ, ביקען זיך מיט גרויס דרך־ארץ, האבען אפּנים ווי די אפּגע־שמיסענע — תרבית, שא שטיל! און פונ'ם גרינעם בלעטער־מאנטעל קאפעט זיי טראפּענס וואסער, קאפּ קאפּ אויף דער ערד, קאפּ, קאפּ מיר אויפ'ן קאפּ".

די בעשרייבונג פון א געוויטער־נאכט איז א גראנדיעזעס בילד, וועלכעס האט ניט פיעל זיין גלייכען אין דער גרויסער וועלט־ליטערא־טור. אבער נאך איידער ער קומט צו דעם סוף פון זיין שילדערונג, פאלט ער שוין צוריק אין זיין גלות־שטימונג, און מיר פיהלען ווי א מיס־קלאנג, און ווי מיר וואלטען אראבגעפאלען פון די הויכע וואלקען אויף דער וואכעדיגער ערד. דער גרויסער מעכטיגער דונערנדער יאהוועה, וועלכער רייט אויף דעם שטורמווינד, און מאכט די וועלטען ציטערען, און בייטשט די וועלמען מיט זיין בליץ, ווערט צוריק דער גאט פון גלות, וועלכער „לעגט תפילין יעדען טאג", און זיצט און לערנט תורה מיט די צדיקים, און וויינט, וואס זיינע קינדער זיינען פערוואגעלט געוואָרען צווישען די אומות העולם, און קוועלט פון יע־

דען בלאט גמרא און פון יעדען פרק משניות, וואס ער לערנט איהם , און פון יעדען קאפיטעל תהילים, וואס א איד זאגט...

שעהנע לאנדשאפטען ברענגען אונז תמיד ארויף אויפ'ן זינען בילדער און עראינערונגען פון אונזערע קינדער יאַהרען, בוימען, בלומען און פויגלעך זיינען אין אונזער געדאנקען פארבונדען מיט אונזערע פריהעסטע טעג, מיט אונשולד און נאאיוויטעט און זארגלאזער פרייד, מיט צוטרוי און גלויבען. די אורזאכע פון דער דאזיגער צונויפפאַרונג פון נאטור מיט קינדהייט, איז, ווייל די שטארקסטע איינדריקען פון דער נאטור נעהמען מיר אריין, ווען מיר זיינען נאך קליין. דער דערוואקסענער האט טויזענד אנדערע זאכען, וועלכע בעשעפטיגען איהם אדער אינטערעסירען איהם און ציהען זיין אויפמערקזאַמקייט אין אלערליי ריכטונגען, דעם קינד'ס קרייז פון אינטערעסען אבער איז א גאנץ קליינער און באַשרענקטער. דאס יאגען זיך נאַך א זומער־פויגעל איז ביי איהם אזא וויכטיגער ענין, ווי דאס בויען פון אן אייזענבאהן ביי א הארימאן. א ריטעל, א גרעזעל, א באבאלקע, א שטיינדעלע פארנעהמט איהם אפט שטונדענלאנג. און די נאטור־בילדער, וואס זיין קליין וויט־אפענע אויג זעהט, דריקען זיך איין אויף זיין נשמה ווי אויף א ווייכען וואקס, און שפעטער, ווען ער ווערט עלטער, ווען ליעבע און עהרגייץ, און געלד־זוכט, האַבען איהם שוין אריינגעצויגען אין זייער ווירבעל, בלייבט די עראינערונג פון זיין קינדהייט און זיין אונשולד אויביג צונויפגעקניפט מיט דער עראינערונג פון דער נאטור, וועלכע ער האט אזוי גוט געזעהן. דענקט ער אן איינע דערמאנט ער זיך אן די אנדערע.

אבער דער מח פון דעם אידישען קינד בעשעפטיגען שוין די געדאנקען פון דעם גלות־איד. שוין שפילענדיג טראכט ער פון חורבן בית־המקדש, פון טיטוס הרשע פון משיח'ן און פון גן־עדן און גיהנום... איהר דערמאַהנט זיך די שילדערונג פון פרץ'ן ווי אין א שעהנער לבנה־נאכט שטעהט א קליין אידיש אינגעל און זיפצט.... פאר וואס זיפצט ער?... ער וויל אז משיח זאל קומען, כדי די לבנה זאל ניט דארפען מעהר זיין א האלבע, א פארקריפעלטע...

און שוין די ערשטע איינדריקען, וואס א אידיש אינגעל קריעגט פון דער נאַטור, זיינען דורכגעוועבט און דורכגעשלענגעלט פון רעלי־ניעזע געדאַנקען פון מיסטישע פאַנטאַזיען, און דארום, ווען ער ווערט עלטער, קען ער קיינמאַל ניט קוקען אויף די נאַטור אַהן א אידישען הינטער־גרונד, אַהן אידישע שערמינען, אַהן אידישע מעטאפארען.

אַט ווי דער 11־יאַהריגער שלמה'לע ר' חיים'ס נעהמט אריין א זומערדיגען באַגינען, ווי אַלצדינג איז פארפלאַכטען מיט א טיעפען רעליגיעזען געפיהל...

„שלמה'לע געהט פארטאג. איבער דער גאס, דאס שטעדטיל שלאפט. לבנה און שטערען שטעהען אין הימעל אויף דער וואך. עס דאכט זיך איהם: דארט, אויבען, טהוט זיך עס אצינד עפים גאר א שרעק! טהוט פון ערגיץ א בלאז, דאכט זיך איהם יענם צפון־ווינטעלע, דאס גוטע ווינטעלע, וואס ווייעט אונטער די פליגעל פון מלאכים, וואס האט אמאל אויך געבלאזען אויף דוד־המלך'ס פידעלע, איהם צוקאפענס ביי־נאכט אופ'ן געלעגער, און עס האט זיך געשפיעלט זיסע געטליכע לידער. זושען ערגיץ בוימער אין א גארטען — דאס זושען דארט די בוימער אין גן־עדן; קרעהעט ערגיץ א האהן — דאס זאגט ער שירה, און זיינען איהם די האר, דאס פנים, פייכט פון טוי־טראפען — דאס זיינען גאט'ס טרעהרען, דאס וויינט ער, יאמערט אויף זיינע פארוואגעלטע קינדער. עס שלאפט נישט, עס דרעמעלט נישט דער היטער ישראל!... עס צושפיעלט זיך שלמה'ן די געבליטהען, זיין כח־הדמיון איז פלאם־פייער, דאס הארץ צוגעהט איהם שיעור פאר גרויסע געפיהלען — און ער נעהמט זיך לערנען מיט חשק, געשמאק אויף א ניגון.

מיר דאַרפען ניט ערוואַרטען צו געפינען די זעלבע ערהאַבענהייט, דעם זעלביגען הויכען קלאנג אין אבראַמאַוויטש'ען ווי אין ביאַליק'ען אָדער פרץ'ן. אַבראַמאַוויטש בעשעפטיגט זיך בלויז מיט דעם קאָנקרעטען גלות־אידען און מיט זיינע פשוט'ע און צרה'דיגע ליידען און זיין צרה'דיגען אויסזעהען מיט די דהקות און די דאגות חיונה פון די גלופסקער און די קאַבצאַנסקער איינוואָהנער. זעלטען וועהט ביי איהם דער אידישער שמערץ, דער וועלט־שמערץ, דער ריהרענדער פאַטהאָס פון א ליידענדען פאָלק, אזוי ווי ער וועהט ביי ביאַליק'ען, און ארום זיינע העלדען שוועבט ניט יענער נעבעלדיגער מיסטיציזם, יענער טרויער אויף די שכינה, וועלכע איז אין גלות, וועלכע איהר בעגעגענט אומעדום ביי פרץ'ען.

זיינע פארשוינען זיינען אָרימע לייט, עניים מדוכאים, וועלכע האָבען אלע איין בקשה:

רבש"ע, גיב אונז לחם לאכול ובגד ללבוש, גיב אונז לייטזעליגקייט אין די אויגען פון דעם פריץ, גיב אונז פרנסה בשופא, און לאָמיר בעסער אָפּהיטען דיינע תרי"ג מצוות, אזוי ווי אונזערע עלטערען האָבען געטהאָן... קיינער פון זיי טראָגט ניט דעם הייליגען שיין פון א גרויסער פערגאנגענהייט, קיינער פון זיי ווערט ניט געהויבען פון א גרויסער צוקונפט...

בנימין טונעיאדעווקער אפילו, וועלכער בעשליסט אויפצוזוכען די רויטע אידלעך, איז אויך א גאנץ וואָכעדיגער איד מיט גאנץ קליינע השגות און מאכט צומאָל ניט אויף אונז דעם זעלביגען פּאַטהעטישען איינדרוק, ווי דאָן־קיכאָט, נאָך וועלכען ער איז נאָכגעבילדעט. שוין פיעל בעסער געלונגען איז דער פּארטרעט פון סענדער די אידינע, וועלכער איז דער אידישער סאנטשא־פּאנטשא, דער תמ'עוואַטער סענדערל, וועלכער גלויבט מעהר אין א גוטען מאָהל־צייט, ווי אין דער נויטיגקייט אויפצוזוכען די רויטע אידען, איז פּיעל אינטערעסאנטער, און פיעלייכט נאַטור־טרייער ווי בנימין, וועלכער האָט די גאנצע לעכערליכקייט פון דאָן־קיכאָט, אָבער ניט זיין ריטערליכקייט און זיין הויכזיניגקייט...

אָבער מיר וועלען זיך אומקעהרען צו אונזער ענין.

די שילדערונג פון דער נאַטור ווערט קיינמאָל ניט געטהאָן פון אַבראַמאָוויטש'ען לשמו ולשמה. זי איז ביי איהם א ראַהם פאר א בילד, און זי האָט כמעט תמיד דעם זעלביגען קאָליר ווי אין דער נויטיגקייט אויפצוזוכען די רויטע תמיד פון צרה'דיגע געשטאַלטען, פון פאר'חושכ'טע לעבענס, פון אונגליקליכע נפשות — הערט זיך פון זיינע שעהנסטע נאַטור־בעשרייבונג אן אונטערטאָן פון טיעפען קומער, פון געקריוודעטקייט, פון א ביטערען פּראָטעסט, פון א קלאָג...

הינטער זיינע פּרעכטיגסטע פּאנאָראַמאַס פון קאָרנפעלדער און וועלדער, און בערגלעך און טייכלעך, זעהט איהר די טרויעריגע ענגשאַפט און אָרעמקייט פון קאַבצאַנסק, און אייך פערגעהט דער גאנצער געָנוס פון דער שעהנהייט, וועלכע ער ציינט אייך... דען ער אליין, דער שילדערער פון די דאָזיגע לאַנדשאַפטען, איז מעהר אויסען געווען אייך צו ווייזען, וואס אין דעם אידישען לעבען **פעהלט**, ווי וואָס עס איז אויף גאָט'ס שעהנער וועלט פאראנען.

**די אנזיכט; אז אידען זיינען דער צוועק און דער אקס פון דער וועלט, איז לאנג שוין טויט אין דעם מח פון דעם דענקער אבראמאָוויטש, אָבער זי שפוקט ארום טוי־טערהייד אין אבראמאָוויטש דעם קינסטלער, אין אבראמאָוויטש דעם נאַטור־דיכטער, און אויף אלע זיינע געמעלדען קענט איהר זעהן דעם הייליגען גלאנץ פון סופר'ישער טינט.**

און דאריבער טאַקע איז אונז דער דאָזיגער גרויסער זיידע אזוי טהייער און אזוי איינגעבאַקען אין הארצען, דען ער איז אַן אמת'ער **אידישער** קינסטלער אין דעם געגויעסטען זינן פון דעם וואָרט. ניט אידיש, ווייל ער האָט געשריעבען אין אידיש, ניט אידיש ווייל ער האָט געשריעבען **פון** דעם אידישען לעבען, נאָר אידיש דורך און דורך, אין זיין ארט פון זעהן, אין זיין קוק, אין זיין אויפפאַסונג און אין זיין בעציהונג און זיין שטעלונג צו דער נאַטור, אזוי ווי צו דער וועלט.

זיינען איינִיג און געשלאָסען, און ווען ער קען ענטוויקלען זיין רעוואָלוציאָנערען גייסט.

דער קאמפף קעגען קריעג ווערט איצט אונזער וויכטיגסטע אויפגאבע. אַט דאָ איצט האָט געוויעזען די זיצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ, אז די סאָציאליסטישע פּאַרטייען פון אלע לענדער זיינען בעשלאָסען אָנצואווענדען אלע מיטלען, וועלכע געפינען זיך אין זייער רשות, צו היטען די פעלקער פון דער געפעהרליכער מלחמה־משוגעת. און די פערהאנדלונגען פון יענא האָבען בעוויעזען, אז מיר שטעהען איינמוטהיג געגען די איצטיגע קריעגס־געפאהרען. מעגען מיר אויך אין אַנדערע הינזיכטען זיך וויט פונאַנדערגעהן צווישען זיך. ס'איז אויך זעהר נויטווענדיג, אז אלע אונזערע אָרגאַנען זאָלען בענוצען יעדע מעגליכקייט און יעדע געלעגענהייט צו ווייזען די מאסען, אז עס איז ניט פארהאן קיין נוצליכערע פּאזיטיווע ארבייט, ווי די ארבייט אויפצוהאלטען דעם פריעדען, און אז די סאָציאל־דעמאָקראַטיע איז די איינציגע פּארטיי, וועלכע לייסטעט די פּאזיטיווסטע פון אלע ארבייטען, ווייל זי איז די איינציגע פּארטיי, וועלכע האט געשוואָרען טויט־פיינדשאפט דעם קאפּיטאליזמוס און אימפּעריאליזמוס.

אונטער הונגער רעוואָלוציאָנען און דונערן פון קאַנאָנען ביי די שכנים פאנגט זיך איצט אָן אונזער וואהל־קאמפף פאר'ן פריעדען. איבער נאַכט קען ער פערוואנדעלט ווערען אינ'ם קאמפף פאר די מאַכט.

(„נייע צייט“, 6 אָקטאָבער).

יהואש.

# נאַטור־שילדערונגען אין דער אידישער ליטעראַטור *)

.3

לויט מיין לכתחלה'דיגען פּלאַן האָב איך נאָך „מענדעלי מוכר ספרים“ געזאָלט אילוסטרירען מיינע בעהויפּטונגען פון דעם ערשטען ארטיקעל מיט פּרי'ן. איך האָב זיך אבער נאָך א שטיקעל ישוב הדעת בערעכענט, אז פון קאנטראסט וועגען, און כדי קלערער און פערשטענדיגער צו מאַכען מיינע בעמערקונגען וועגען דער א י ד י ש ק י י ט פון אבראמאָוויטש'ס נאטור־בילדער, וועט עס זיין מעהר ראטהזאם איבערהיפּען לעת עתה דעם שעפּפער פון „מאָניש“ און „באנצי שווייג“ און נעהמען פאר אונזער נעקסטע טהעמא — לעאָן קאברין.

אבראמאָוויטש ציהט זיין יניקה נאָך פון דער השכלה. קאָברין איז א פּראָדוקט פון דער נייער צייט. דער ערשטער אין זיינע נאטור־געמעלדען איז באוואוסטזיניג אידיש, דער צווייטער איז עס אונבעוואוסטערהייד. דער ערשטער געהט לכתחלה צו צו זיין געגענשטאנד מיט דער כונה איהם צו פעראידישען, דער צווייטער פעראידישט איהם ניט, אבער ניט ווילענדיג צייגט ער זיך ארויס אלס קינד פון דעם גלות פאלק. מענדעלי קוקט אויף דער נאטור ווי א איד, קאברין פּ א ס ט זי אויף מיט א אידישען טעמפּעראמענט. ביי דעם ערשטען איז ד אָ ס וואס ער פיהלט און דענקט אידיש, ביי דעם צווייטען די א ר ט, ו ו י ער פיהלט.

אין לעאָן קאברינ'ס נאטור־שילדערונגען געפינט איהר מעהר ניט קיין אידישע כונות, קיין רעליגיעזע ארייַנטייטשונגען, קיין ארייַנגעטראַכטע סתרי תורה. ארום זיינע צייכנונגען

*) זעה „צוקונפט“, אַפּריל און מאַי פון היינטיגען יאָהר.

שפּינען זיך ניט קיין ציצית פּעדעם, הינטער זיין זונגלאַנץ שימערט ניט דער שכינה'ס ליכט, זיינע הימלען דערמאָנען ניט אין בלויע פּרוכת'ן, און אויף זייע לאַנדשפאַטען וואַרפט זיך ניט אין די אויגען דער מגן דוד...

אידישע ווייבער פּלעגען זיך אָפט בעריה־מען, אַז זייערס אַ קינד זעהט גאַר ניט אויס ווי קיין איד, מיינענדיג דערמיט צו זאָגען, אַז ער איז זעהר שעהן... מיר, נאַציאָנאַליסטען, זיינען, נאַטירליך, פאַר אַזאַ אויסדרוק דן בשרפה. און דאָך אפילו מיר אַליין, לעזענדיג פּיעל פון קאַב־רין'ס שילדערונגען, פּלעגט זיך באַמבלען אויף דער צונג דער אויסדרוק, אַז זיי זיינען עפּיס גאָר ניט אידישלעך, מיינענדיג דערמיט צו זאָגען, אַז זיי שמעקען מיט דעם ריח פון דער סטעפּע, מיט דעם גערוך פון פּריש־געקאָסעטע היי. מיט דעם דופט פון ראַמאַשקעס און מיט מיט דעם באַלזאַם הויך פון געדיכטע סאָסנע וועלדער....

ניט זינדיגען זאָל מען מיט די רייד. אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך פּערזענליך וואָלט עס בעטראַכטען פאַר אַ גרויסען פאַרט־ייריט פאַר אונז אַתּה־בחרתנו'ניקעס, אויב איז צעהן אָדער צוואַנציג יאָהר אַרום וועלען מיר האָבען דעם קלאָרען .ניט געקינסטעלטען זינן פאַר די נאַטור, וואָס די אומות העולם האָבען איצט — געירש'נט פון צעהנדליגע דורות פון פּאַסטוכער און היי־שניידער...

לעאָן קאָברין אָבער אין זיין סאַמע ליעבע פאַר דער נאַטור, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אין דער העפטיגקייט פון דער דאָזיגער ליעבע, ציינט אַרויס דעם טעמפּעראַמענט פון אַ פאָלק, וואָס האָט געבראַכט אויף דער וועלט מעהר פּאָעטען ווי קינסטלער, וואָס איז מעהר מסוגל צו עקסטאַז און התפּעלות, ווי צו רוהיגער שעפּפונג.

קאָברין ליעבט די נאַטור ניט ווי אַן אַלטער מאַן ליעב זיין יונגע מעטרעסע — מיט דער ליע־בע פון כח הדמיון; ניט מיט דער רוהיגער ליעבשאַפט פון אַ מאַן צו זיין פרוי, וואָס ער בעוואונדערט, נאָר מיט דער גאַנצער ליידענ־שאַפט און גלוט און ברענענדיגער ענטציקונג פון דעם דאַרפיונג צו זיין יונגער, פרישער, קרעפטיגער שעהנער געליעבטער — איך האָב איינענטליך געזאָלט זאָגען פון „יאַנקעל בוילע“ צו „נאַטאַשאַ'ן“.

ער שטעהט ניט פּנים אל פּנים מיט דער נאַטור אַלס צושויער, אַלס בעאָבאַכטער גרייט צו קריטיקירען אַזוי ווי צו בעוואונדערען, אַלס קאָנעסער און עסטהעטיקער. ער איז אין גאַנצען הינגעריסען פון איהר, ער מאַכט דורך מיט איהר אַלע איהרע ערשיינונגען, איהר זונענ־גלאַנץ, איהרע פוכיגע וואָלקענס, איהרע געוויי־טערס און שטורעמס. ער טרינקט פון איהר שעהנהייט מיט פולע בעכערס, ער זאַפּט זי אַזוי לאַנג אַריין ביז זי פילט איהם אָן אין גאַנצען און ווען ער גיסט אַרויס פאַר אונז זיינע אָנגע־זויגענע איינדרוקען, קומען זיי האַסטיג און גלוטיג, און ווירקען אויף אונז ווי אַ פאַר־שכור'ענדער געטראַנק — ווי . אַ שטאַרקער אַלטער וויין....

דער אָבענד איז פון אַנפאַנג אַ שעהנער, אַ ליכטיגער. די לבנה, אַ פולע, אַ רונדע, אַ זיל־בערנע, קוקט אַראָב פונ'ם הימעל געגען מיין פענסטער און כישופ'ט די לופט און די ערד מיט איהרע העלע צויבער־שטראַהלען... אַלעס אַרום קוקט אויס העלל, ווייס... פער'חלומ'ט־ווייס... די גראָז, די בוימער; ווי מיט אַ זילבערנעם שטויב בעשאָטען... דאָרט, ווייט־ווייט, שטעהען אין דעם ווייסען שיין פון דעם העלען אָבענד אַפּאָאַר הייזער מיט בעלויכטענע פענסטער און די פייערלעך פון יענע פענסטער ווינקען אויך צו אונז, ווי פער'כשופ'ט... — — — — — —

אַ ווינטעל טהוט אַ וויהע... דער אַלטער בוים ניט ווייט פון פענסטער, וואו מיר זיצען, הויבט אָן זיך צו שאָקלען און דבקה'ן, און מורמלען, ווי אַן אַלטער, פרומער איד וואָלט תהלים געזאָגט... איבער דעם קלאָהרען, העלען פּנים פון דער לבנה טראָגט זיך פערביי פער־גנב'ט אַ שוואַרץ וואָלקענדעל.... די לבנה טהוט זיך אַ כאַפּ, ווי צושראָקען, און רוקט זיך אָפּ פון איהם אַ ביסעל ווייטער... דאָס שוואַרץ וואָלקענדעל שטעהט אַ ווילע פערכמורעט, דאַן לאָזט ער זיך אַוועק ווייטער, ווייטער, בעהעפּט זיך באַלד מיט אַן אַנדערען, אַ גרעסערען און אַ שוואַרצערען, וואָס קומט איהם אָן אַנטקעגען פון דער אַנדער זייט, און דאַן לאָזען זיי זיך ביידע אַוועק געאַרעמט און נעהמען זיך שלינ־גען דעם קלאָהרען הימעל, שלינגען איהם און שלינגען... די לבנה נור מיט אַ שטיקעל קלאָה־רען הימעל אויף דער אַנדער זייט בלייבט נאָך דערווייל ניט פערשלונגען...

דער ווינד ווערט שטאַרקער, נעהט ריידען מיט רוגזה... אָט האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען

מיט אן איספעט אויף א שטיקעל גרעט, וואָס הענגט אויף א שטריק אונטער מיין פענסטער, פאטשט עס מיט א מין רציחה אויף אלע זייטען, רייסט עס אראָפּ און דרעהט עס ארום שטריק....

די לבנה אויפ'ן מיטען הימעל שטרייטעט מיט די שווארצע וואָלקענס... אָט כאפען זיי איהר ארייין אין זייערע שווארצע לאפעס און אָט רייסט זי זיך ארויס פון זיי...

עס ווערט דונקעלער, פינסטערער... די פאָר הייזער, וואָס האָבען ניט לאנג ארויסגעקוקט דאָרט ווייט־ווייט אונטער דעם שיין פון דער העללער, פערכשופ'טער נאַכט, זיינען איצט פערשוואונדען אין דער ווייטער פינסטערניש... די פייערלאך נור פון זייערע פענסטער בלישטשען ארויס דורך דעם חשך, ווי אויגען פון הונגעריגע וועלף אויס א דונקעלען וואלד....

די לבנה איז אויפ'ן סוף פערשלונגען. עס ווערט נאָך פינסטערער.

א בליץ פלאמט אויף, בעלייכטעט יענע פאָר הייזער, וואָס דער פינסטערער תהום פערשלינגט וויעדער אין דער זעלבער רגע, און עס דערהערט זיך א שטאַרקער דונער שוין נעהענטער....

דער הושך וואקסט, וואקס.... הימעל און ערד שווארץ.... נור די בליצען, בעגלייט פון דונערען, שניידען דורך פון צייט צו צייט דיעזען הושך, ווארפען זיך ארום, ווי פייערדיגע שלאנגען, איבער א טיעפען, שווארצען תהום....

— טראַאך — טראַך — טראַך—טראַך ! ! !

— צושוט זיך א דונער, ווי פון א קאנאָנע אויסגעשאָסען, און דער רעגען טהוט א גאָס מיט א רוישען און געפילדער.... — — — — —

דער שטורם ווערט שטאַרקער, די בליצען און דונערען אָפטער און דער ווינד צושפּיעלט זיך, קלאפט אין די פענסטער, רייסט דעם דאך, רימשעט, וואָיעט, יאמערט, ווי א ווילדע היה....

(אין א שטורעם נאַכט)*)

אבער לעאָן קאברינ'ס אויג איז ניט נאָר אָפען פאר די שטארקע טומעלדיגע ערשיינונגען פון דער נאטור. ער כאפט די נאטור אין אלע איהרע שטימונגען. ער פאסט אויף מיט דערזעלבער דיכטערישער שנעלקייט א טאנצענדען זונענשטראהל אזוי ווי א קראכענדען דונער־וועטער, ווי מיר וועלען זעהן פון דער נעקסטער ציטאטע.

לעאָן קאָברין געברויכט אייגענטליך די נאטור בעשרייבונג כלומרשט אלס אן הינטער־גרונד, אלס א ראהם פאר זיינע ערצעהלונגען און שילדערונגען פון פערזאנען און בעגעבענהייטען, אבער ער טהוט עס מיט אזוי פיעל ליעבשאפט און מיט אזוי פיעל קונסט און זיין ראהם איז אזוי באַ'הנ'ט, אז איהר זעהט, אז עס איז ביי איהם מעהר ווי א ראהם, אפשר איז דאָס גאָר ביי איהם דער עיקר. דאָס בילד גיסט זיך אזוי צוזאמען ביי איהם מיט דעם ראהם, אז איהר ווייסט ניט מעהר, וואו איינער ענדיגט זיך און וואו דער אנדערער הויבט זיך אָן.

אין זיין ערצעהלונג „איך בין אלט געווען 17 יאהר“, גיסט זיך די ערצעהלונג אזוי וואונדער־חנ'עוודיג צוזאמען מיט דער נאטור־שילדערונג, אז ביידע געווינען דאדורך. די יום־טוב'דיגע שטימונג פון דעם יונגען 17 יעהריגען אינגעל, וועלכער ערווארט זיין פערהייראטהעטע פלעמעניצע הוה'לע, וועלכע דארף קומען צו זיינע עלטערען צוגאסט, זיינע יונגע פארלאנגען און פאנטאזיען ווערען באקראנצט מיט א גאלדענעם גירלאנד דורך א זונענשטראהל, וועלכער גנב'עט זיך אריין פון דרויסען און טאַנצט ארום אויף די ווענט פון צימער.

אויף מאָרגען, ערב סכות, איז געווען א שעהנער טאָג. די זון האָט געוואָרעמט. עס איז געווען ארום אכט א זייגער אין דער־פריה. די פענסטער פון זאַל צו דער גאס צו זיינען געווען ווייט פאנאנדערגעעפענט. עטליכע גאָלדענע, פינקעלנדע שטראהלען פון דער זון האָבען זיך ארייינגעריסען דורכ'ן פענסטער פון דרויסען, האָבען זיך געשפּיעלט און האָבען ארומגעטאַנצט איבער'ן זאל. אָט האָט אויפ'ן פאָדלאָגע אין זאל אונטער'ן פענסטער גענומען פינקלען א ליכטיגעס רעדעלע, גרויס ווי אן אמעריקאנער זילבערנער דאלאר, עס האָט געפינקעלט און גערעהט זיך אויף איין אָרט; אָט האָט עס א פליה געטהאָן אין דעם אנדער ווינקעל און האָט גענומען לאזען פון זיך אויף אלע זייטען, ווי א פאָנטאַן, לאנגע, דינע ליכטיגע און ציטערענדיגע שטראהלען, און אָט האָט זיך פון דעם אנדער ווינקעל פלוצלינג א דרעה געטהאָן א לאנגער ליכטיגער שטראהל, ווי א שלענגעלע, איז צוגעפלויגען צו דעם גאל־

---

*) געזאמעלטע שריפטען, זייטע 212-210.

דענעם רעדעלע. דאָס רעדעל האָט א ציטער געטהאָן און האָט זיך צושאָטען אין דראבנע פינקעלנדע פונטעלאך איבער'ן גאנצען זאל — איבער די קאוויאָרס, איבער'ן טיש און איבער'ן זאָפע....

(איך בין אלט געווען 17 יאָהר)*).

פיעל שווערער, ווי שילדערען איינציגע בולט'ע מאָמענטען איז די שילדערונג פון א שטילער רוהיגער נאַטור־שטימונג, אין וועלכער עס זיינען ניטאָ קיין שארפע שטאַרקע שטריכען, דורך וועלכע זיי קענען איבערגעגעבען ווערען. דאָ פאָדערט זיך א פיעל טיעפערעס אריינטראכטען זיך אין די געהיימניסען פון גראז און בוים און טייך און הימעל. דאָ קענען קלאָרע פארבען ניט העלפען, שאַטירונגען עדעלע, האלבע־שטריכען, און אנדייטונגען מוז מען געברויכען אום צו קענען אריינווארפען אין דעם לעזער'ס מח די געזעהענע לאנדשאפט.

זעהט ווי לעאָן קאברין'ען געלינגט עס איינצואווייהען אין דער שטילער סודות'פולער היילינקייט פון א הייסער ווינט־לאָזער זומער נאכט.

דער פארק איז געשטאַנען ווי פער'חלומ'ט אונטער דעם פרייען, ווייטען, בלויען הימעל, איבער וועלכען די לבנה, א פולע, א ליכטיגע, האָט ארומגעשוואומען לאנגזאם און מיט גדלות, אקוראט ווי זי וואלט וועלען זאגען: „שוויצט דאָרט, קינדערלעך, אויף דער ערד, שוויצט, ווערט דערשטיקט; מיר איז לופטיג אויפ'ן הימעל, מיר איז א מחיה!"

פון ווייטען האָט דער פארק אויסגעזעהן ווי פער'כשופ'ט, אין גאנצען פערגאָסען מיט א פאנטאַסטישען ליכט פון די לאנטערנעס און פון דער לבנה....

די יונגע בוימלעך זיינען געשטאַנען אונטער היעזען ליכט ווי בעגאָסען מיט א זילבערנעם טהוי און האָבען רוהיג גע'חלומ'ט.

ארום איז געווען שטיל, נור ציטענווייז האָט זיך געהערט פון פארק א געהיימער שעפּטשען פון א פערשפּעטיגט פּאָאר'ל, און דיעזעס שעפּטשען האָט אויך געקלונגען פער'חלומ'ט און פער'שכור'ט.

איך האָב זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צום ריווער, און דער ריווער האָט אויך גע'חלומ'ט... שטיל און רוהיג האָט געדרעמעלט דאָס וואסער

*) דארטען, זייטע 64.

ביים ברעג, בלישטשענדיג ווי א שפּיעגעל, קיין כוואליע האָט איהם ניט געשטערט, קיין ווינדטעלע האָט איהם ניט געוועקט....

די לבנה, ארומגערינגעלט מיט א שטיקעל בלויען הימעל, האָט זיך געבאָדען אין ריווער, האָט שטיל און רוהיג געווארפען איבער דעם שפּיעגעלדיגען וואסער איהרע לאנגע, זילבערנע שטראהלען, מורא האָבענדיג איהם אויפצוועקען פון זיין דרעמעל....

נור דאָרט, דאָרט, ווייט, ווייט — אויף ווי ווייט נור די אויג האָט געקענט זעהן, וואו דער בלויער הימעל האָט זיך געהאלטען ארומגענומען מיט דעם זילבערנעם וואסער, האָבען ארומגעטאַנצט פויערלאך: אי רויטינקע, אי בלויאינקע, אי גרינינקע, דאָ אויפ'ן וואסער, אקוראט ווי זיי וואָלטען זיך גע'טובל'ט, און דאָ הויך איבער'ן וואסער, אין דער בלויער לופט, און פון דאָרט האָט זיך געהערט א שווערער סאָפּען, א רוישען און א הודזשען פון א געהענדיגע דאמפף־שיף... באַלד איז די שיף פערשוואונדען מיט די טאַנצענדיגע פויערלעך אין דער ווייטער בלויקייט פון הימעל און וואסער און עס איז אין גאנצען שטיל געוואָרען.

(ביים איסט־ריווער) *)

אָט איז א צווייטע זומער נאכט אין די בערג.

און פּלוצלונג האָט א ווייהע געטהאָן א שטאַרקער ווינט, די ארומיגע פינסטערניש האָט א ציטער געטהאָן... א ליכטיגער שטערנדיל, ווי א גאָלדענע אויגעלע, האָט דורך דער פינסטערניש א ווינק געטהאָן און דאן נאָך איינער... פון דעם הויכען בארג רעכטס האָט זיך א העלער זילבערנער פאס צו דעם נאָהענטען הימעל גענומען ציהען, און באלד איז יענער זייט הימעל אין גאנצען העל געוואָרען און די שטערנדלאך האָבען פון דארט געווינקט ליכטיגע און גאָלדענע.... — — — — — — — —

אין א האלב שעה ארום, וואו איז די שווערע פינסטערניש אהינגעקומען? דער הימעל איבער די ריעזען־בערג האָט אויסגעזעהן אין גאנצען ווי פון מוטערפּערל אויסגעזעצט און אויף איהם האָבען געפינקעלט און געשטראהלט שטערנדלאך. און נאָך וואָס פאר א שטערנדלאך! — פון אלע פארבען און קאָלירען, און

*) דאָרטען, זייטע 289.

זיי האָבען כשוף'דיג געווינקט איינס צום אנ־ דערען און מיט זייערע בריליאנטענע שׂראהלען זיך געשפּיעלט.... די לבנה, א גרויסע, א רונ־ דע, א ליכטיגע, האָט פון דעם הויכען בארג רעכטס אראָבגעקוקט.... די ריעזען־בערג, די טהאָלען, די פעלדער און בוימער זיינען פלוצ־ לונג, ווי פון א מכשף'ס האַנד, מיט א זילבער־ נעם שטויב בעשאָטען געוואָרען....

(סורפּרייז).*)

ווי איך האָב פריהער בעמערקט, איז לעאָן קאָברין א ליידענשאפטליכער ליעבהאבער פון דער נאטור, און יעדעס מאָל ווען איך לייען זיינע א נאטור־סצענע, שטעל איך זיך מיר תמיד פאר, ווי ער שרייבט אונטער דעם פרישען איינדרוק פון די בילדער, וועלכע ער האָט גע־ זעהן. איך זעה אָן אויסגעשפּרייטען קאנוואס, אויף וועלכען קאָברין מאָהלט האסטיג אהן אָן אטהעם, פול מיט מעהר איינדרוקען, ווי ער קען ארויפמאָלען מיט זיין פּינזעל.

ווען קאברין וואלט געשריעבען ליעדער, בין איך זיכער, אז ער וואלט געווען איינער פון אונזערע גרעסטע לירישע נאטור־שילדע־ רערס, און וואלט פּראדוצירט לירישע מייסטער־ ווערק. די לידישע פאָרמע וואלט איהם געגעבען מעהר מעגליכקייט צו מאכען די נאטור־בא־ שרייבונגען אלס דער עיקר, און ניט אלס א ביי־זאך און א טפל צו א סקיצע אדער אן ערצעהלונג.

פון דעם זעלבינגען מקור, פון וועלכען עס קוועלט קאָברינ'ס שטאַרקע ליעבע פאר דינאטור, קומט אויך זיין פארליעבע פאר נאטור־מענשען, פאר עלעמענטאר־מענשען, וועלכע שטעהען אין בולט'ן קאנטראסט צו דער סאציאלער ארדנונג אדער צו דער אומגעבונג, אין וועלכע זיי לעבען. „יאנקעל בוילע“ איז ריהרענד און קאָמיש צו דערזעלביגער צייט מיט זיין אונגעלומפּערט־ קייט און מיט זיין איינפאכקייט, מיט זיין עם־ הארצות און זיין נאטירליכקייט.

יאנקעל בוילע דאס איז דער פעלד־מענש, דער דארף־מענש, צוגעבונדען מיט ליעבשאפט צו דער ערד און צו דעם טייך, אויף וועלכען ער געהט כאפּען פיש, וועלכער לעבט מעהר אין חברותא מיט דער נאטור־וועלט, ווי מיט מענ־ שען און וועלכענ'ס מוח קען להלוטין ניט בע־ גרייפען פאר וואס ער טאָר ניט ליעב האבען די דארף־שיקסע נאטאשא. די פראגען פון רע־ ליגיאָן און ראסע האָבען איהם פיעל ווענינער בעשעפטיגט, ווי די נעצען, וועלכע ער פלעגט אויסשפּרייטען פון זיין שיפעל, און דא קומט מיט אמאָל א חאצע טריינעם און שרעקט איהם, אז זיין טאַטע וועט איהם דערווערגען און דער ארעמער יאנקעל בוילע ציטערט אזוי ווי דער פּרימיטיווער מענש ציטערט ווען ער הערט דעם דונער...

„יאשקע ווארי־אט“ איז א צווייטע קראפט און נאטור־מענש. אזעלכע שטארקע עלעמענטאר נאַטורען זיינען דא מעהרערע צווישען קאברינ'ס שעפּפונגען, און עס איז לייכט צו זעהן, אז זיי זיינען די ליעבלינגס־ווערק פון דעם פערפאסער.

און צוליעב דעם זעלבינגען טעם, איז אויך קאָברין אם שטארקסטען, ווען ער שילדערט עראָטישע סצענעס.... איהם געלינגט וואונדער־ באר איבערצוגעבען שטאַרקע עלעמענטארע גע־ שלעכט ליידענשאפטען....

עס איז ניט אין אונזער פּלאן צו בעאור־ טהיילען אָדער כאראקטעריזירען קאָברין'ן אלס ערצעהלער. פאר אונזער אבהאנדלונג איז בלויז וויכטיג קאָברין דער נאטור־שילדערער, אדער זיין בעזונדערע פארליעבע פאר קראפט־נאטו־ רען און זיין בעזונדערע פעהיגקייט צו רעפּרא־ דוצירען נאטור־ליידענשאפטען וועלען העלפען באלייכטען זיין *טעמפעראמענטאלע אויפפאסונג* פון דער נאטור. —

זיינע נאטור־בילדער זיינען לירישע אויס־ גוסען, ווארעמע שוימענדיגע אויסברוכען, מעהר אדער ווענינער העפטיג, מעהר אדער ווענינער פול מיט איספעט און מיט התלהבות, און תמיד דופטיג, ווי ערשט געפליקטע בלומען.

קאָברין האָט ליעב די נאטור לשמה. ער זוכט ניט אין איהר קיין סימבאָלען און רמזים, ניט אידישע און ניט ניט־אידישע. אבער אין זיין *הינגעריסענקייט*, אין זיין אי־ בערלויפענדער בעגייסטערונג, אין זיין מאנגעל פון *יענער* פאָלקאָמענער זעלבסט־באהערשונג וועלכע איז *אויסער* און *איבער* איהר געגענשטאַנד, טראָגט ער אויף זיך דעם געבורט־ צייכען פון אלע קינדער פון דער אומה, וואס האָט א לאנגע צייט געוואוסט בלויז פון צוויי עקסטרעמען: ענטוועדער די טרוקענסטע שכל־ גימנאסטיק אָדער דעם *העכסטען לי־ רישען עקסטאז.*

*) ז. 334—333.

